יוצא לאור ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש

# גליון באור החיים

פרשת תצא - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתצ"ד

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי הרבני הנגיד המפואר מגדולי תומכי מוסדותינו הק'
מוה"ר ישראל אלי' ברוך ענגעל הי"ו
לע"נ אביו הרה"ח ר' מנחם בן ר' יואל זוסמאן הכהן ע"ה
יארצייט ביום י"א אלול - ב' כי תבוא הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה יושע סג"ל קרויס הי"ו (בארא פארק)
לרגל שמחת תגלחת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### גם בדברים גשמיים צריכין לכוון לעבודת השי"ת

**כי את הבכור וגו' יכיר לו לתת לו פי שנים.**

במדרש פרשת בא (שמו"ר ט"ו כ"ז) ד"א למה נקרא ישראל בני בכורי, לפי שכתוב בתורה כי את הבכור בן השנואה יכיר לתת לו פי שנים, כך ישראל יורשים שני עולמות העולם הזה והעולם הבא.

הכוונה בזה שיורשים שני עולמות, כתבו בספרים הק' כי מה שהאדם עוסק בעניינים רוחניים בתורה ותפלה, זה חלק עולם הבא שלו, ומה שעוסק בעניינים גשמיים, זה חלק עולם הזה שלו, ובני ישראל יפה כחם בזה, שגם כאשר עוסקים בעניינים גשמיים באכילה ושתי' וכדומה, מכוונים לעבודת הבורא, וזה הכוונה שהם יורשים שני עולמות, היינו שהם עובדים את ה' בשני חלקי העולם, ועל שם זה נקראו בשם בני בכורי, מפני שעובדים את ה' בכפליים.

וזהו עיקר חשיבות העבודה לפני הקב"ה, שאף כאשר האדם עוסק בעניינים גשמיים, אינו נמשך לכוון בהם להנאת גופו כי אם לקיים מצות ה', ועל ידי עבודה זו, זוכה האדם להתעלות ולבוא לידי קדושה גדולה.

(עבו"ע פתג"ק שמות)

### הדורש לרבים צריך לחזור על דברי הצדיקים

**דרש ידרשנו ה' אלקיך מעמך.**

פירשו צדיקים בזה, 'דרש' אם באת לדרוש לפני הצבור, 'ידרשנו ה' אלקיך מעמך' ידרוש ה' אלקיך ויתבע ממך את הדברים אשר אתה דורש לפני הציבור, כי הקב"ה מעיין במעשיו של הדורש, אם הוא מקיים בעצמו את אשר הוא דורש לפני אחרים.

משא"כ אם חוזר ומשנן את דיבורי הצדיקים הק', אינו שייך ענין זה, שהרי אינו דורש מעצמו דבר, ואינו אלא מסייע את בני ישראל, להתעורר מדיבורי קודש שכבר נאמרו מפי הצדיקים הק', וזה דרכנו תמיד, לחזור את דיבורי קודש של הצדיקים, ולהתחזק בהם, ולא לחדש פירושים באנו.

(עבו"ע פתג"ק נח)

### להזהר בקדושת היסוד

**אשר קרך.**

פרש"י אשר קרך, לשון קרי וטומאה שהיה מטמאן במשכב זכור, וכן על ויזנב בך דרשו חז"ל ומובא ברש"י מכת זנב חותך מילות וזורק כלפי מעלה.

על כן אחד מעיקרי היסודות, אשר מוטל על האדם ללחום בזה מלחמת עמלק שבכל דור ודור, הוא בענין קדושת היסוד, ובפרט בדור הזה שמתגבר מאוד כח קליפה זו, כי כמו שקליפת מצרים היתה בפגם הברית, כמו שנקראת בתורה ערות הארץ, כמו כן בגלות הזה מתגברת קליפה זו מאוד, כי הגלות הזה שהיא גלות הרביעית גלות אדום, כוללת כל הארבע גליות כידוע, (בני יששכר כסלו מאמר ב' אות כ"ה) על כן נכללת בה גם גלות מצרים ערות הארץ, לכן מוטל חוב גדול על כל אדם לשמור נפשו ונפש בניו לנטוע בהם יראת שמו יתברך בקדושה וטהרה.

(עבו"ע דב"ק כי תצא)

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י

**כי אתה שומע תפלת 'כל פה', פון יעדע איד, און אויך פון יעדע מצב אין וואס א איד שטייט.**

(פתג"ק ח"ב רפ"ד)

## דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דברי רב - באדיש

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **דוד פרושינובסקי** הי"ו (מאנסי)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### דורך די כח פון אחדות קען מען מנצח זיין אלע שונאים

כי תצא למלחמה על אויביך ונתנו ה' אלקיך בידך, ווערט געברענגט אין ספרי אויף דעם פסוק, כי תצא למלחמה, אם עשית כל האמור בענין סוף שה' אלקיך נותנו בידך.

וואונדערן זיך די מפרשים, וואס איז פשט אם עשית כל האמור בענין, עס שטייט דאך גארנישט וואס מען דארף טון, עס שטייט נאר כי תצא למלחמה על אויביך, און מיט דעם אליין, ונתנו ה' אלקיך בידך, און אויב איז די כוונה אויף דאס וואס שטייט אין די פרשה אין די ענין פון אשת יפת תואר, דאס קען מען דאך מקיים זיין נאר נאכדעם וואס ונתנו ה' אלקיך בידך.

אויך זענען די מפרשים מדייק, אז אין פרשת בהעלותך שטייט, וכי תבואו מלחמה בארצכם על הצר הצורר אתכם, והרעותם בחצוצרות ונזכרתם לפני ה' אלקיכם ונושעתם מאויבכם, איז משמע פון דעם אז זיי וועלן דארפן מעורר רחמים זיין כדי צו מנצח זיין אין די מלחמה, משא"כ דא שטייט סתם כי תצא למלחמה על אויביך און גלייך ונתנו ה' אלקיך בידך, אן דעם וואס זיי וועלן דארפן מעורר רחמים זיין אויף דעם. דארף מען פארשטיין וואס איז די חילוק פון די צוויי פרשיות.

זענען די ספרים הק' מבאר, לויט ווי עס איז ידוע, אז אידישע קינדער מצד נשמותיהם, זענען איין קומה שלימה פון רמ"ח אברים ושס"ה גידים, און נאר מצד זייער גוף זענען זיי צוטיילט, און אויב אידישע קינדער פירן זיך באחדות, און זענען מקושר צוזאמען אזוי ווי זיי זענען מצד נשמותיהם, האבן זיי א מורא'דיגע כח צו מכניע זיין אלע זייערע שונאים, און קיין שום אומה ולשון קען נישט שולט זיין אין זיי, ווייל זיי זענען איין קומה שלימה, אבער אויב פירן זיי זיך מיט א פירוד לבבות, אזוי ווי זיי זענען מצד זייער גוף, דעמאלטס איז זייער כח זייער שוואך, און דארפן צוקומען צו מעורר רחמים זיין כדי צו קענען מנצח זיין א מלחמה.

און דאס זאגט די פסוק אין די פרשה, כי "תצא" למלחמה על "אויביך" אין א לשון יחיד, דאס מיינט אז מען וועט ארויסגיין אין מלחמה כאיש אחד בלב אחד, מיט א התקשרות הלבבות און התאחדות הנפשות, דעמאלטס וועט זיין ונתנו ה' אלקיך בידך, אן דעם וואס מען וועט דארפן מעורר רחמים זיין ווייל מיט די כוח פון א קומה שלימה וועלן זיי מנצח זיין במלחמה אויף די אלע וואס שטייען אויף קעגן זיי.

אבער אין פרשת בהעלותך שטייט כי "תבואו" מלחמה "בארצכם" על הצר הצורר "אתכם", אלעס בלשון רבים, דארטן רעדט מען אויף א אופן וואס אידישע קינדער זענען נפרד איינער פונעם צווייטן, און מען קומט אין מלחמה אן קיין אחדות הלב, דעמאלטס וועלן זיי דארפן מעורר רחמים זיין צו קענען מנצח זיין במלחמה.

און לויט דעם קען מען זאגן, אז דאס איז די כוונה פונעם ספרי, "אם עשית כל האמור בענין סוף שה' אלקיך נותנו בידך", און דאס וואס שטייט אינעם ענין "תצא" למלחמה על "אויביך" א לשון יחיד, אז זיי וועלן ארויסגיין אין מלחמה כאיש אחד בלב אחד, וואס דאס איז א מורא'דיגע זאך וואס שטייט דא אינעם ענין, ווייל כדי דאס צו משיג זיין צו זיין באחדות, דארף מען ארבעטן אן עבודה קשה, און ווען מען וועט זוכה זיין צו דעם, איז דער פסוק מבטיח, ונתנו ה' אלקיך בידך, ווייל וויבאלד זיי זענען איין קומה שלימה, איז זייער כח זייער גרויס, צו קענען מנצח זיין אלע זייערע שונאים.

(עבו"ע פתג"ק)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצחאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה יחזקאל יוסף בראדי הי"ו (מאנסי)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### כי תצא למלחמה, במלחמת רשות הכתוב מדבר (רש"י).

אין ספה"ק חובת הלבבות שטייט, אז עס איז נישט דא א זאך וואס איז א רשות, ווייל יעדע זאך וואס א מענטש טוט אויף די וועלט, איז אדער א מצוה, אדער אן עבירה. אבער דער יצר הרע וויל יא איינרעדן פאר'ן מענטש אז דאס וואס ער גייט יעצט טון איז נישט קיין עבירה, נאר א רשות.

דאס איז פשט אין רש"י, במלחמת "הרשות" הכתוב מדבר, אז די מלחמה מיטן יצר הרע איז איבער זאכן וואס ער מאכט פאר א רשות.

(שר שלום)

### הקם תקים עמו.

ווען א איד העלפט ארויס א צווייטן איד ווערט ער אליין אויך געהאלפן, קומט אויס אז ער זעלבסט האט נאך מער הנאה דערפון ווי זיין חבר.

דאס איז דער פסוק מרמז, "הקם תקים", ווען דו העלפסט פאר יענעם, "עמו", העלפט מען זיך אליין.

(שפת אמת)

### מוצא שפתיך תשמור ועשית.

פון די פסוק איז מרומז אז דער וואס היט זיך אפ זיין מויל פון רעדן דברים האסורים, האט די זכי' אז "ועשית", ווי אזוי ער זאגט ארויס פון מויל דאס ווערט מקויים, ותגזור אומר ויקם לך.

(היכל הברכה)

### זכור את אשר עשה לך עמלק.

מען געפינט אין די גמרא סימנים וויאזוי צו געדענקן פארשידענע מאמרי חז"ל. אין מסכת בבא בתרא (דף מ"ו ע"ב) געפונען מיר א גמרא וואס רעדט זיך פון א ע'רב, מ'לוה, ל'וה, ק'בלן, זאגט די גמרא, א סימן צו געדענקן די גמרא, אז די ר"ת פון די אותיות זענען עמל"ק.

לכאורה איז א גרויסער חידוש אז די גמרא זאל מאכן א סימן צו געדענקן, מיט עמלק וואס די תורה זאגט אויף אים "תמחה את זכר עמלק לא תשכח".

נאר עס קען זיין פשט אז חז"ל האבן געטראפן א רמז דערצו אין די תורה, ווייל אין די פסוק "לא תשכח" איז דא אויפן "לא" א טפחא, וואס האקט אפ פון די קומענדיגע ווארט, ווען מ'ליינט תשכח באזונדער איז דאס טייטשט "תשכח", אז אמאל מעג מען פארגעסן פון די מצוה פון מחיית עמלק און אים יא דערמאנען, פון דא האבן חז"ל גענומען אז ס'איז דא אמאל וואס מ'מעג אים יא דערמאנען.

א ראיה דערצו קען מען ברענגן פון זוהר הקדוש וואס זאגט, אז ביי די עשרת הדברות שטייט ביי "לא תרצח" א טפחא צו ליינען באזונדער, "תרצח", ס'איז דא אמאל ווען ס'איז יא ערלויבט צו הרג'נען, ווי למשל דורך בית דין.

(רבי יעקב עמדין)

## א מעשה אויף די פרשה

### וכן תעשה לכל אבידת אחיך.

א איד האט אמאל פארלוירן זיין טלית ותפילין, און ווען ער איז אריינגעקומען צום ראפשיצער רב זי"ע, האט אים דער ראפשיצער רב געוואלט בארואיגן, זאגענדיג בדרך צחות, "דו ביסט דאך מודה אז דער טלית איז געווען פון טערקיי - א טערקישע טלית, און איין פאהר תפילין איז רש"י'ס תפילין, און איין פאהר פון רבינו תם, ממילא וואס 'האסטו' פארלוירן? נאר דאס זעקל, דאס אליין איז נישט אזוי געפערליך". נאכן שמייכלען האט אים דער ראפשיצער רב אנגעוואונטשן צו טרעפן זיין טו"ת, וועלכע דעם ברכת צדיק איז ווי פארשטענדליך תיכף פארווירקליכט געווארן.

*

### לא תחרוש בשור ובחמור.

ווען דער הייליגער בעל התכלת זצ"ל איז געווען א אינגערמאן, איז ער אמאל דורכגעפארן א שטאט, אריינגייענדיג אינעם שטאט'ישער בית המדרש האט ער געזעהן ווי נאר די ארימעלייט זענען אין ביהמ"ד. ווען דער גאון האט זיך פאראינטערעסירט וואס עס גייט פאר, איז ער געוואויר געווארן אז דער גביר פון שטאט מאכט היינט נאכט חתונה זיין זון, און ער האט איינגעלאדענט די גאנצע שטאט צו די סעודה, אויסער די געציילטע הונגעריגע ארימעלייט, האט ער נישט אריינגעלאזט צו די סעודה.

האט דער גאון געזאגט פאר זיי אז זיי זאלן מיטקומען מיט אים, און צוזאמען מיט די ארימעלייט איז דער בעל תכלת געגאנגען צום הויז פונעם גביר.

אנקומענדיג אהין, האט דער גאון אריינגעקלאפט צום גביר, פון דעם אנדערן זייט טיר האט זיך געהערט דאס קול פונעם מחותן דער גביר, ווי ער האט געשריגן, מיר לאזן נישט אריין קיין אומגערופענע געסט! די איינגעלאדנטע געסט זענען שוין אלע דא, מער לאזן מיר נישט אריין!

האט דער גאון געפרעגט, איז דא א רב צווישן אייך? איך האב א שווערע שאלה צו פרעגן, איז דער רב געקומען צום טיר, און אונטער אים איז געשטאנען דער גביר וואס האט אויך געוואלט הערן די קשיא.

האט דער גאון געפרעגט דעם רב, אפשר קען איך וויסן דעם טעם פארוואס די תורה זאגט "לא תחרוש בשור וחמור יחדיו"? האט דער רב געענטפערט אז "ס'איז א גזירת הכתוב, און נישט יעדע מצוה האט א טעם".

האט אבער דער גאון געזאגט אז איך האב יא א טעם דערויף, "ווייל דער טבע פונעם אקס איז אז ער איז מעלה גרה, און אז מען וועט אקערן צוזאמען מיט א אייזל וואס איר טבע איז נישט מעלה גרה צו זיין, וועט דאס אייזל וואס האט שוין לאנג געענדיגט עסן, א גאנצע צייט זעהן ווי דער אקס האלט נאך אינמיטן עסן, וועט דאס אייזל ווערן אויפגערעגט אז ער האט נישט וואס צו עסן, און כדי דאס אייזל זאל נישט צוקומען צו קיין צער, האט די תורה אנגעזאגט, לא תחרוש בשור וחמור יחדיו"!

מיט דעם האט דער גאון אויסגעפירט צום רב, פון דעם קענען מיר זיך לערנען א מוסר השכל פון א קל וחומר, "מה-דאך אויף א בהמה האט די תורה רחמנות געהאט, און נישט געשטעלט נעבן דעם אקס כדי עס זאל אים נישט וויי טון צו זעהן ווי יענער עסט און ער נישט, איז דאך אוודאי ווי שטארק מ'דארף אכטונג געבן צווישן מענטשן, און נישט וויי טון פאר די ארימעלייט, און זיי נישט רודפ'ן".

ווען דער מחותן האט דאס געהערט וואס דער גאון האט געזאגט, האט ער אריינגערופן די ארימעלייט, און זיי מכבד געווען און געגעבן צו עסן אזוי ווי אלע געסט.

*

### מוצא שפתיך תשמור.

אמאל האט זיך א גרויסער גביר משדך געווען מיט א געוויסן איד, וועלכע האט לכבוד דעם שידוך צוגעזאגט א גרויסע סומע געלט פארן נדן. ווען דער זמן החתונה איז אנגעקומען, האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער מחותן האט נישט מקיים געווען זיין צוזאג און נישט געגעבן די צוגעזאגטע נדן. ווען דער מחותן האט אים פארגעהאלטן פארוואס ער האט צוגעזאגט א סכום פאר נדן וואס ער האט געוויסט אז ער קען נישט באצאלן, האט אים דער איד געענטפערט, מיר זעהן אז ביי די

המשך בע' ז

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **שמעון לאק** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' יעקב מאיר נ"י לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## שידוכים (ד)

### פארשידענע שאלות

אין דעם מאמר האבן מיר ממשיך געווען צו שרייבן פארשידענע שאלות וואס עס קען זיך מאכן ביי פרעגן אינפארמאציע ביי שידוכים.

### יז
### שאלה: אויב מען פרעגט אינפארמאציע, און מען ווייסט נישט וואס מ'מעג זאגן און וואס מען טאר נישט זאגן, מעג מען זיך ארויס דרייען און זאגן, איך ווייס נישט, אדער איך קען נישט אזוי גוט דעם בחור א.ד.ג., צי איז מען מחויב צו זאגן וויפיל מ'קען?

תשובה, צו געבן אינפארמאציע איז א גרויסע מצוה, און מ'האט א חלק אינעם אויפבויען אידישע שטובער, און ווען און מען פרעגט אינפארמאציע דארף מען ארויס ברענגען די מעלות, און נישט זאגן קיין חסרונות, נאר אויב עס איז גאר א גרויסע חסרון, וואס דאס איז ביי יעדן א גרויסע חסרון, ווי א ערנסטע געזונט פראבלעם, אדער איינער וואס איז פארדארבן א.ד.ג., אבער קלענערע חסרונות טאר מען נישט זאגן.

ווייל יעדער מענטש האט מעלות און חסרונות, און אויב מען וועט זאגן יעדע חסרון, וועט מען בכלל נישט קענען מאכן קיין שידוכים, ווייל יעדער וויל א חתן אן קיין שום חסרון.

איבערהויפט ווען מען קען נישט די מדוברת, ווייסט מען בכלל נישט צי ביי איר איז דאס א חסרון, און מען ווייסט וויפיל חסרונות זי האט, אויב אזוי קען מען נישט אפמאכן אז דער בחור איז נישט פאר איר.

מען דארף צו וויסן אז עס איז נישטא א אדם השלם, יעדער האט מעלות און חסרונות, און נישט יעדע זאך וואס ביי איינעם איז א מעלה איז ביי יעדן א מעלה, און נישט יעדע זאך וואס איז ביי איינעם א חסרון איז ביי יעדן א חסרון, דעריבער דארף מען זאגן נאר די מעלות, און מען טאר נישט זאגן קיין שום קלענערע חסרון, און אויב מען ווייסט נישט אויף א געוויסע חסרון צו דאס גייט אריין אין א גרויסע חסרון, זאל מען פרעגן א שאלה צי מען מעג דאס זאגן, און צי מען איז גאר מחויב צו זאגן.

**באמערקונג**

עס איז ראטזאם אז ווען מען ווייסט אז איינער וויל פרעגן פון אים אינפארמאציע, און מען פרעגט אים צי ער קען דעם בחור, זאל מען נישט לכתחלה זאגן איך קען אים זייער גוט, נאר מען זאל זאגן איך קען מיך מיט אים אביסל, ווייל אויב מען זאגט אז מען קען אים זייער גוט, וועט מען דארפן ענטפערן אויף אלע שאלות וואס מען וועט אים פרעגן, אפילו אויף זאכן וואס מען וויל נישט זאגן דעם אמת, אבער אויב מען ענטפערט איך קען מיך נאר אביסל מיט די בחור, וועט מען זיך קענען ארויס דרייען ווען מען וועט אים פרעגן אזאך וואס מען וויל נישט זאגן דעם אמת, אז איך קען אים נישט אזוי גוט, און איך ווייס נישט די און די פרט.

* עס ווערט דערציילט אז אין שטאט בריסק איז געווען א איד וואס האט שטארק מדקדק געווען צו זאגן דעם גאנצן אמת, און אזוי האט ער פארשטערט אסאך שידוכים, האט אים דער דיין פון בריסק הגה"צ ר' שלום מנשה רבינוביץ ז"ל געזאגט, עס איז אמת אז דאס זאגן דעם אמת באלייכט די גאנצע וועלט מיט שטארקע אור, אבער ווען די אור איז זייער שטארק קען עס פארברענען די וועלט (עובדות והנהגות לבית בריסק ח"א עמוד ק').

### יח
### שאלה: אויב מען פרעגט אינפארמאציע פון א נאנטן קרוב, דארף מען אויך אכטונג געבן וואס צו זאגן, אדער פאר א קרוב מעג י' זאגן דעם גאנצן אמת?

**תשובה:** כאטש ווען מען פרעגט אינפארמאציע פאר א פרעמדן מענטש, דארף מען אכטונג געבן נישט צו זאגן נאר ערנסטע חסרונות, און מען דארף ענטפערן נאר אויף וואס מען פרעגט אים, און ער טאר נישט זאגן זיין אייגענע מיינונג אויף די שידוך, אבער ווען א קרוב פרעגט אינפארמאציע, דארף מען אים זאגן דעם אמת, וויבאלד ווען מען פרעגט פון א קרוב איז מען פארזיכערט אז ער וועט אים ענטפערן די ריכטיגע תשובה, און ער פארלאזט זיך אז ער וועט גארנישט באהאלטן פון אים, דעריבער גייט ער זיך נישט אזוי שטארק נאכפרעגן אויפן בחור.

און אויך ווייל ס'שטייט אין פסוק "ומבשרך אל תתעלם", דאס מיינט אז עס ליגט א חיוב אויף יעדן מענטש נישט צו פארהוילן פון זיין קרוב קיין שום זאך וואס איז נישט גוט פאר אים, דעריבער דארף מען זאגן פארן קרוב דעם אמת, מה שאין כן ווען מען פרעגט אינפארמאציע פאר איינעם וואס איז נישט קיין קרוב, כאטש עס איז א מצוה צו העלפן יעדן איד, פונדעסטוועגן ליגט אויף אים אויך צו העלפן פאר דעם בחור, ממילא דארף מען ענטפערן אזא תשובה וואס איז א טובה פאר ביידע.

**באמערקונג**

פארשטייט זיך אז דער היתר פון ענטפערן פאר א קרוב דעם גאנצן אמת, דאס איז נאר אז מ'מעג זאגן נאר וויפיל עס

פעלט אויס אז מען זאל נישט אריינפאלן מיט דעם שידוך, אבער זאכן וואס זענען נישט נוגע צו די שידוך טאר מען נישט זאגן, אויך טאר מען נישט מגזם זיין און מאכן ערגער די זאך, מען מעג נאר זאגן וואס איז זיכער אמת.

### יט
### שאלה: ווען א נאנטער חבר פרעגט אים אינפארמאציע, האט עס די זעלבע הלכה אזוי א פרעמדער מענטש, אדער אזוי ווי זיין קרוב?

**תשובה:** א נאנטער חבר אדער א נאנטער שכן, וואס מען האט צווישן זיך א שטארקע קשר, האט די זעלבע הלכה אזוי ווי א נאנטן קרוב, און מען דארף זאגן דעם אמת, ווייל א נאנטער קרוב אדער א חבר און א גוטער שכן פארלאזן זיך אינגאנצן אויף אים, (בסנהדרין דף ע"ו ע"ב, איתא האוהב את שכניו והמקרב את קרוביו עליו הכתוב אומר אז תקרא וד' יענה, ופירש רש"י שדין שכן כדין קרוב, ועיין רמ"א יו"ד סי' רנ"א ס"ג).

**באמערקונג**

דער היתר איז נאר ווען דער קרוב אדער דער נאנטער חבר פרעגט אינפארמאציע פאר זיך אליין, אדער פאר זיין קינד, אבער ווען זיין קרוב אדער נאנטער חבר פרעגט אים אינפארמאציע פאר א צווייטן מענטש, האט דאס די זעלבע הלכה אזוי ווי א פרעמדער פרעגט אים.

### כ
### שאלה: ווען מען פרעגט אינפארמאציע אויף א בחור פון זיין מגיד שיעור, ראש ישיבה, מנהל א.ד.ג. דארפן זיי זאגן דעם אמת?

**תשובה:** א ראש ישיבה אדער א מגיד שיעור א.ד.ג. האבן די זעלבע הלכה אזוי ווי סתם מענטשן, וואס זיי זענען נישט מחויב צו זאגן נאר גרויסע חסרונות, און אויך נאר וואס מען פרעגט זיי, ווייל יעדער ווייסט אז די מגידי שיעורים זוכן צו העלפן אז די בחורים זאלן שידוכים טון, דעריבער פארלאזט מען זיך נישט אינגאנצן אויף זיי.

* עס ווערט דערציילט אז מען האט געפרעגט אינפארמאציע פון א ראש ישיבה אויף א בחור פון זיין ישיבה, און ער האט געענטפערט אז דער בחור איז פון די מצויינים, האט איינער געפרעגט דעם ראש ישיבה, איז דען דער בחור א מצוין, האט ער געענטפערט רוב מענטשן זוכן נישט באמת א בחור וואס איז א מצוין, זיי זוכן נאר אזא בחור וואס מען זאגט אויף אים אז ער איז א מצוין.

* מען דערציילט אז דער גאון רבי אהרן קאטלער זצ"ל האט אמאל געפאסט, האט אים א תלמיד געפרעגט פארוואס ער פאסט, האט ער געענטפערט, איך האב געהערט אז איינער וויל מיך פרעגן אינפארמאציע אויף איינע פון די תלמידים פון אונזער ישיבה, און איך ווייס אז אויב איך וועל זאגן דעם אמת וועט נישט ווערן פון די שידוך, און ליגנט וויל איך נישט זאגן, וועגן דעם האב איך מקבל געווען אויף מיר א תענית, און איך בעט פונעם אייבערשטן אז מען זאל מיך בכלל נישט פרעגן.

# לוח היארצייטן



## יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| י' אלול | הרה"ק רבי פנחס בן רבי אברהם אבא זי"ע - מ'קאריץ - אמרי פנחס | תק"נ |
| י"ב אלול | הרה"ק רבי שמחה בונם בן רבי צבי הירש זי"ע - מ'פרשיסחא | תקפ"ז |
| י"ב אלול | הרה"ק רבי משה אליקים בריעה בן רבי ישראל זי"ע - מ'קאזניץ - באר משה | תקפ"ה |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ט' אלול | הרב החסיד ר' אברהם יצחק בן ר' דוד ע"ה הויער | תשס"א | ביה"ח בקרית יואל |
| י' אלול | הרב החסיד ר' יעקב יצחק בן ר' ארי' לייב ע"ה ניימאן | תשפ"ה | |
| י"א אלול | הרב החסיד ר' מנחם בן ר' יואל זוסמאן הכהן ע"ה ענגעל | תשע"ד | ביה"ח וויזניץ מאנסי |
| י"א אלול | הרב החסיד ר' חיים משה בן ר' שלום יוסף ע"ה גאטליעב<br>תלמיד ישיבה"ק - לא הניח אחריו זש"ק | תשפ"ה | ביה"ח בקרית יואל |

# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו
נכתב ע"י הרה"ג ר' **נתן ירמי' גאלדשטיין** שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

## סעיף כג

**עפענען איטאליען אייסעס** (Italian).

מען מעג אראפנעמען די פאפירענע דעקל אום שבת.




[בילד 1]

## סעיף כד

**עפענען סקוויז טוב אייסעס** (Squeeze Tubes).

מען טאר נישט עפענען די פלעסטיק דעקל.

**די עצה:** מען זאל אראפשניידן א שטיקל פון די טוב פון אויבן צוזאמען מיט דעם דעקל, אזוי וועט מען נישט דארפן עפענען די דעקל (עס איז נישטא קיין איסור פון מאכן א "פתח", ווייל מען עסט אויף אלעס אויפאיינמאל זעה פרק ג' סעיף ג').




[בילד 2]

## סעיף כה

**עפענען א באקס פלעסטיק טישטוכער.**

מען טאר נישט עפענען די באקס אויף דעם פלאץ וואס איז אנגעצייכנט מיט קליינע לעכער צו עפענען דארט, אפילו אויב מען גייט עס גלייך אויסליידיגן (זע אויבן פרק ג' סעיף ה'). אזוי אויך טאר מען נישט אראפנעמען די טעיפ אדער ארייגרייסן אין די טעיפ וואס איז צוגעקלעבט אויף דעם דעקל פון די באקס (וועגן די איסור פון קורע).




[בילד 3]

**עצה א:** מען זאל עפענען די באקס ביי די זייט (דארט וואו עס איז נישט פארקלעבט און עס איז נישטא קיין אותיות אדער בילדער), און מען זאל ארויסנעמען אלע טישטוכער פון די באקס, און אוועקווארפן די באקס.

**עצה ב:** (א גרינגערע עצה אז ער זאל נישט דארפן אלעס ארויסנעמען) אז נאכן עפענען די באקס ביי די זייט זאל מען ארויסנעמען אויפאיינמאל אלע טישטוכער וואס מען דארף פאר שבת (און מער נישט נוצן די עפענונג), און נאך שבת זאל מען עס עפענען אויף די געוועינליכע פלאץ.

**עס זענען דא באקסעס וואס קומען פארקלעבט מיט טעיפ אויף פון די זייט**, ממילא קען מען עס נישט עפענען פון די זייט. דעמאלטס קען מען טון איינע פון די פאלגענדע דריי עצות:

**עצה א:** מען זאל אריינשניידן מיט א מעסער, און מאכן א נייע עפענונג פון די אנדערע זייט באקס (וואו עס איז נישטא קיין אויפשריפטן אדער בילדער), און מען זאל ארויסנעמען אלע טישטוכער און אוועקווארפן די באקס.

**עצה ב:** (א גרינגערע עצה אז ער זאל נישט דארפן אלעס ארויסנעמען) אז נאכן מאכן א נייע עפענונג פון די אנדערע זייט באקס, זאל מען ארויסנעמען אויפאיינמאל אלע טישטוכער וואס מען דארף פאר שבת, און נאך שבת זאל מען עס עפענען ביי די געוועינליכע עפענונג.

**עצה ג:** מען זאל אויפשניידן רוב פון די באקס פון אויבן און פון די זייט, און דעמאלטס דארף מען נישט אוועקווארפן די באקס, נאר מען קען דארט לאזן די טישטוכער.

## סעיף כו

**עפענען א באקס פון קרעקערס אדער סנעקערס א.ד.ג. וואס איז פארקלעבט פון אויבן ביי די פלאץ וואו מען עפנט דאס.**




[בילד 4]




[בילד 5]

מען טאר עס נישט עפענען אויף דעם פלאץ וואו עס איז פארקלעבט (וועגן די איסור פון קורע).

(אויב איז די באקס בכלל נישט פארקלעבט אויף די פלאץ וואו מען עפנט דאס, איז פשוט אז מען מעג עס געהעריג עפענען, די פלעסטיק אין וואס עס ליגט די קרעקער דארף מען צורייסן נישט וואו עס איז פארקלעבט, און אלעס ארויסנעמען, און אוועקווארפן די בעג).

## כי תצא למלחמה על אויביך, פרש"י במלחמת רשות הכתוב מדבר.

אין שטאט טשערנאביל איז אמאל אנגעקומען א גרויסע בעל דרשן וואס איז געווען באוואוסט מיט זיינע שיינע דרשות, איז מען געגאנגען דערציילן פאר דער הייליגער מאור עינים פון טשערנאביל זי"ע אז דער בעל דרשן איז אין שטאט, און בין הדברים האט מען אויך זייער אויסגעלויבט דעם בעל דרשן פאר'ן מאור עינים, ארויסברענגדיג אז אלעס וואס ער זאגט טייטשט ער זייער שיין אריין אין פסוק, און ס'שטימט זייער גוט, און מען דארף גארנישט דרייען דעם פסוק.

האט דער הייליגער מאור עינים געזאגט אז דאס שטייט אין רש"י הק' "במלחמת רשות הכתוב מדבר", עס איז דא צוויי בחינות אין לערנען, עס איז דא לימוד לשמה און לימוד שלא לשמה, לימוד לשמה איז א מצוה, און לערנען שלא לשמה איז טאקע מותר אבער עס איז נאר א רשות, און עס ווערט אנגערופן מלחמת הרשות, און דאס זאגט דא רש"י "במלחמת הרשות", אז ווער עס לערנט תורה שלא לשמה, "הכתוב מדבר", ער דארף מסביר זיין די פסוק אז עס זאל אינגאנצן שטימען לויט ווי ער זאגט, און עס זאל אויסקומען ממש ווי דאס זאגט די תורה הקדושה.

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

*

אויך ווערט דערציילט, אז א מאדערנע איד איז אמאל געקומען צו הרה"ק ר' מענדעלע מ'ווישאווע זי"ע, און ער האט אים געפרעגט, וואס איז פשט אז ווען א בעל דרשן זאגט א דרשה, טייטשט ער עס אזוי שיין אריין אין פסוק, אז עס זאל אינגאנצן שטימען, מה שאין כן ווען א רבי זאגט תורה דארף ער ברענגען גמטריאות און נוטריקון כדי עס זאל שטימען אין די פסוק.

האט אים רבי מענדעלע ווישאווער געענטפערט, אז עס שטייט אין פסוק "כי תצא למלחמה על אויביך", די מלחמה גייט ארויף אויף די מלחמת התורה, דאס מיינט אז ווען א רבי לערנט תורה און ער איז לוחם פאר די תורה, דעמאלס "ונתנו ה' אלקיך בידך" גיבט אים דער אייבערשטער איבער די פסוק אין זיין האנט און ער קען טון מיט'ן פסוק וואס ער וויל, ער קען עס דרייען מיט גמטריאות און נוטריקון אלע מיני וועגן. און אויף דעם לייגט רש"י הק' צו "במלחמת הרשות הכתוב מדבר", אז ביי מלחמת הרשות, ווען מען וויל סתם זאגן א טייטש בדרך צחות משל ומליצה, סתם צו מהנה זיין אנדערע מיט א שיינע פשעטל, און נישט אויף צו זאגן מוסר און צו לוחם זיין אויף די כבוד התורה, דעמאלטס "הכתוב מדבר" דארף די פשעטל זיין פונקטליך מפורש אין די תורה און עס דארף אינגאנצן שטימען.

*

ווי באקאנט פלעגט הרה"ק רבי מאיר'ל מפרעמישלאן זי"ע אסאך מאל אריין טייטשן אינטערעסאנטע פשעטליך, און דורך דעם מוסר געזאגט פאר אידן, און אויך ממשיך געווען השפעות טובות פאר אידישע קינדער.

איינמאל האט אים א איד געפרעגט פארוואס דארף דער רבי אזוי אריינקוועטשן אין די פסוק זאכן וואס עס שטייט נישט דארט, מען קען זאגן שיינע תורות וואס שטימט יא גוט אינעם פסוק, און נאכדעם אנוואנטשן עקסטער.

האט ר' מאיר'ל געענטפערט דערויף, אז די הלכה איז, אז ווען א איד וויל זאגן פאר זיין טאטע א הלכה, איז די דרך ארץ צו זאגן אבא כך כתוב בתורה, די זעלבע זאך, ווען עס קומט צו פועל'ן ישועות פאר אידישע קינדער קען מען נישט סתם זאגן פאר די רבוש"ע וואס צו טון, ממילא זאגט ער אבא כך כתוב בתורה, און אזוי קען מען ממשיך זיין ישועות פאר כלל ישראל.

המשך מע' ג

קרבנות וואס מ'רעכענט אויס פארן דאווענען, רעכנט מען אויס אלעס, אויסער דעם קרבן וואס די ארימעלייט האבן געברענגט.

די סיבה דערצו קען זיין, וויבאלד מ'זאגט נאך די קרבנות "ונשלמה פרים שפתינו", אז מיטן זאגן אליין זאל עס שוין זיין אזוי ווי מקריב געווען, נו אז מען דארף נאר זאגן און נישט באצאלן, פארוואס זאל מען זאגן ווי ארימאן? זאגט מען ווי א עושר, ווי די וועלט זאגט "צוזאגן און ליב האבן קאסט נישט קיין געלט".

*

## אבן שלמה וצדק יהיו לך.

אין א געוויסע שטאט איז געווען א לענגערע צייט וואס עס האט נישט גערעגנט, און אפי' מען האט גוזר תענית געווען, האט נאך אלץ נישט גערעגנט.

יענע נאכט האט דער רב פון שטאט גע'חלומ'ט ווי מ'זאגט אים פון הימל, ווער פון די שטאט עס האט די ריכטיגן כח אויסצובעטן פאר רעגן.

אינדערפרי האט דער רב געלאזט רופן דעם מענטש, און אים מכבד געווען מיטן דאווענען פארן עמוד, אבער ער האט נישט געוואלט, זאגענדיג אז ער איז נישט צוגעפאסט פאר דעם פאזיציע. נאכדעם וואס דער רב האט גוזר געווען בגזירת אב בית דין אז ער מוז דאווענען, האט ער געבעטן ערלויבעניש אהיימצוגיין, און ער איז צוריקגעקומען מיט זיין וואגשאל אין זיין האנט, און צוגעגאנגען צום עמוד און געזאגט, "רבוש"ע, די צוויי טעפלעך פון די וואגשאל איז אקעגן די צוויי אותיות ה' פון דיין נאמען, דער מיטעלסטער שטעקן איז קעגן די וי"ו, די הענטלעך וואס האלטן די וואגשאל איז קעגן די יו"ד, רבוש"ע אויב איך האב קיינמאל נישט געפעלטשט אין דיין נאמען און געהיטן אז מיין וואגשאל זאל זיין גאנץ און ערליך, זאלן די אידן געהאלפן ווערן".

באלד האבן זיך באוויזן וואלקענעס, און א שלאקס-רעגן האט זיך אראפגעלאזט. דאן האבן אלע געזעהן דאס חשיבות פון אפהיטן א ריכטיגן וואגשאל.

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **דוד הערשקאוויטש** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת תגלחת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיוה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי שמחה בונם מ'פרשיסחא זי"ע

*דעם קומענדיגן דינסטאג י"ב אלול געפאלט אויס די יומדהל"ק פונעם הייליגן רבי שמחה בונם מ'פרשיסחא, רבי שמחה בונם בן רבי צבי הירש זי"ע.*

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי ר' שמחה בונם מפרשיסחא זי"ע איז געבוירן געווארן אין יאר תקכ"ז לפ"ק.

רבי ר' בונם פלעגט זיך באשעפטיגן אין מסחר, אבער ער פלעגט אויך זיצן און לערנען בהתמדה גדולה, זייענדיג פארערכענט פון די גרעסטע עילויים אין שטאט פרשיסחא, וואס איז געווען א גרויסע שטאט פיל מיט תלמידי חכמים.

רבי ר' בונם איז געווען א תלמיד פון די פאלגענדע הייליגע צדיקים, דער חוזה פון לובלין זי"ע, רבי משה לייב סאסובער זי"ע, און דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע, וועלכע האט זיך אויסגעדריקט אויף אים "ער איז פון מיינע אויסדערוועלטע תלמידים".

אין די שפעטער'דיגע יארן האט זיך רבי ר' בונם מדבק געווען אינעם הייליגן יהודי הק', ווי רבי ר' בונם האט אים גענומען פאר רבו מובהק, און זיך אנגעקניפט אין אים בכל נימי נפשו.

טראץ דעם וואס רבי ר' בונם איז געווען באקאנט אלס א גאון און עילוי, האט ער נישט געוואלט אננעמען קיין שום רבנות פאסטן אין קיין שטאט. נאכן פטירה פון רבו מובהק דעם יהודי הק', איז דער יהודי הק' געקומען צו אים אין חלום, און באפוילן צו אים ממלא מקום זיין, און ווייטער פירן זיין עדה הקדושה, דאן האט רבי ר' בונם מסכים געווען דערצו, און איז אויפגענומען געווארן אין שטאט פרשיסחא.

רבי ר' בונם איז נסתלק געווארן אום י"ב אלול אין יאר תקפ"ז לפ"ק, ומנו"כ איז אין שטאט פרשיסחא.

פון זיינע דברי תורה זענען געדריקט אין די ספרים "קול שמחה", און "שמחת ישראל", "קול מבשר".

### עבודתו בעת התפלה

עס ווערט געברענגט אז די עבודת התפלה פון רבי ר' בונם איז געווען וואונדערליך. פון איין זייט איז רבי ר' בונם געשטאנען אויף איין פלאץ, גראד, אן קיין שום תנועות, אבער פון זיינע אויגן זענען געפלאסן טייכן טרערן, אן קיין אפשטעל במשך די גאנצע דאווענען.

### שבתות למנוחה

בשם הרה"ק רבי ר' בונם מפרשיסחא זי"ע: כמה אני מקנא הקצב שעובד כל עש"ק לחלק בשר לכבוד שבת קודש, ובערב מתייגע מבית לבית לגבות המגיע עד ששומע קול שמקבלים שבת בביהכנ"ס, ורץ בכל כוחו לקבל השבת קודש וממהר לביתו לקדש ולאכול, אז אומר: "געלויבט השי"ת שנתן לנו השבת למנוחה" שהוא "אויס מענטש" מעבודה שביום, ועתה ת"ל הרחיב לו. סיים רבי ר' בונם: הלוואי שיטעום טעם שבת קודש כקצב הנ"ל. ע"כ.

### דער פארשיינט אלע היכלות

אין די ערשטע יארן פלעגט זיך רבי ר' בונם מפרשיסחא באשעפטיגן מיטן פירן א אפטייק. איינמאל האט זיך געמאכט אז און אייניקל פונעם הייליגן פני יהושע זי"ע איז אריינגעקומען אינעם אפטייק, און שטייענדיג דארטן האט דער איד געקלערט אז רבי ר' בונם טוט פארשידענע אומאויסגעהאלטענע זאכן.

יענעם אויפדערנאכט איז דער פני יהושע געקומען אין חלום צום אייניקל, און האט אים דערלאנגט א פעטש'ל, זאגענדיג "קוק נישט נאך רבי בונם, דער פארשיינט אלע היכלות"...

### דאס פינטל פון מיין הארץ

דער הייליגער יהודי הק' מפרשיסחא – רבו מובהק, האט זיך אויסגעדריקט אויף רבי ר' בונם מפרשיסחא "דאס פינטל פון מיין הארץ".

### ער איז בבחינת אליהו הנביא

דער הייליגער רבי ישעיה מ'פשעדבורז זי"ע האט אמאל געפרעגט דעם רבי יצחק מוואורקא זי"ע, "וואס רעש'ט עטס אזוי מיטן הייליגן רבי ר' בונם מפרשיסחא", האט אים רבי יצחק געענטפערט, "דער הייליגער רבי ר' בונם איז בבחינת אליהו הנביא ואלישע".

### תורת ה' תמימה

רבי ר' בונם האט אמאל געזאגט אז אלעס איז נפגם געווארן ביים חורבן בית המקדש, חוץ דער הייליגער תורה, און דערפאר רופן מיר דאס טאקע אן "תורת ה' תמימה", ווייל עס איז נישט נפגם געווארן, און עס איז אלעמאל געבליבן גאנץ.

### התעוררות לעבודת השי"ת פון יציאת מצרים

רבי ר' בונם האט אמאל געפרעגט א געוויסע צדיק פון וואו ער נעמט התעוררות צו דינען דעם אייבערשטן. האט ער אים געענטפערט, אז פון דעם פסוק אין ישעיהו (מ' כ"ו) "שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה". ווען רבי ר' בונם האט געהערט דעם פסוק, האט ער צוריקגעזאגט, פון דעם קען יעדע מענטש אפילו א גוי נעמען התעוררות, אבער א 'איד' דארף נעמען התעוררות לעבודת השם פון "יציאת מצרים".

### ווער קען, און ווער דארף

רבי ר' בונם האט אמאל געזאגט, אז אויב עס וואלט געווען אין זיינע הענט, וואלט ער מבטל געווען אלע תעניתים, חוץ פון יום הקדוש און תשעה באב, זאגענדיג, יום הקדוש ווער ברויך דען עסן, און תשעה באב ווער קען דען עסן?!

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

# מאנ"ש לאנ"ש

בריוון און מעססידזשעס
פון אנשי שלומינו צו אנשי שלומינו

## איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
**פאסט**
11 Van Buren Dr. #205
Monroe, NY 10950

שיקט א
**פעקס**
845.610.8674

לאזט א מעסעדזש אויף
**קול איחוד**
718.451.8674
Ext. 841

**וויבאלד עס נעמט צייט צו מגיה זיין די בריוון אין דעם אפטיילונג כראוי, ביטע אנטשולדיגן אויב זעהט איר נאך נישט גלייך אייער מעסעדזש אדער בריוו אינעם מדור.**

## אלע זענען געווען ביי מיר אין צימער!

א גוטן די חשובע מערכת באור החיים שע"י איחוד טאהש.

איך האב געזען פאריגע וואך אינעם גליון ווי איינער שרייבט איבער די נייע ביכל 'א שבת אין טאהש',

האב איך געוואלט צולייגן, אז איך האב ב"ה אויך געקויפט דעם ביכל עש"ק ביים משמש דבית מדרשינו, און איך האב דורכגעליינט די גאנצע ביכל כמעט ברציפות, נאך יענעם שבת, און ס'ממש א פלאות'דיגע ארבעט, אזוי שיין מסדר צו זיין אלע סיפורים לפי הענין וסדר השבת.

אבער די מערסטע האב איך הנאה געהאט פון א מורא'דיגע מעשה, ממש ס'האט מיר געקאסט טרערן און גאר שטארק באנומען. ס'געבט אביסל א בליק פארן יונגן דור וואסערע צדיק מיר האבן ב"ה זוכה געווען צו האבן.

א הויז בחור דערציילט דארט (דף ל"ב), אז דער הייליגער רבי האט נישט ארייגעלאזט קיינמאל דאנערשטאג נאכט, ער האט נישט אויפגענומען קבלת קהל, און ער האט זיך געגרייט א גאנצע נאכט צום הייליגן שבת קודש.

איינמאל חודש אלול האט הרב משה לייב וויינבערגער ז"ל זייער געבעטן דעם הויז בחור אים צו גיין מזכיר זיין ביים רבי'ן, - ער פלעגט אסאך מאל ארייגרופן פאר די הייליגע טעג זיך מזכיר זיין ער זאל האבן כח צו דאווענען פארן עמוד - נאכן אזוי מפציר זיין, איז די הויז בחור אריין אין צימער, און דער הייליגער רבי איז געשטאנען פארקאכט ביים שטענדער, און געווען שטארק פארדביקות'ט און בכלל נישט באמערקט דעם הויז בחור, ביז ער איז צוגעגאנגען צום רבי'ן און ארייגעזאגט אין אויער אז ר' משה לייב רופט אריין זיך מזכיר זיין - דער הייליגער רבי געבט א הייב אויף די אויגן, און קוקט אים אריין שטרענג **"ביסט אריינגעקומען?!"**.

דער הויז בחור האט זיך אזוי דערשראקן, אז ער האט געהויבן פיס און אנטלאפן.

פרייטאג אינדערפרי האט דער הייליגער רבי זיך נישט געלאזט באדינען פון דעם הויז בחור, ער האט אים נישט געלאזט צורורן צו זיינע בגדים, דער רבי האט גענומען א צווייטן בחור אים צו באדינען. און דער הויז בחור איז געגאנגען צו גרייטן די מייערן זאפט וכדו'.

שפעטער ווען דער רבי איז ארויסגעקומען פון מקוה, און אריינגעקומען אין צימער, האט ער געגעבן א גאנצע שמועס פארן הויז בחור, און אויך פארגעהאלטן פארוואס ער איז אריינגעקומען אין צימער נעכטן נאכט, און בתוך הדברים האט אים דער הייליגער רבי געזאגט **"דו ווייסט נישט וואס דו האסט געטון, דו ווייסט נישט וואס דו האסט געטון, אלע זענען געווען ביי מיר אין צימער, ווען דו ביסט אריינגעקומען איז געווארן חושך!!"**.

קאמענטארן זענען איבריג.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, און איר זאלט האבן אסאך הצלחה וסייעתא דשמיא אין אייער הייליגע ארבעט, מכון עבודת הלוים זאל ווייטער קענען אנגיין מיטן ארויסגעבן די הייליגע ספרים, און איר זאלט אויך ווייטער אנגיין מיט די הערליכע גליון באור החיים, און אלע אנדערע פראיעקטן ביתר שאת וביתר עוז, טויזנטער אידן האבן הנאה פון דעם, דער הייליגן רבינ'ס כח און זכות וועט אייך זיכער באגלייטן בזה ובבא.

משה וו.

קרית יואל




## גרביים לבנות

**י.** לבש גרביים לבנות (ט) בכל ימות השבוע (טז) כמנהג בית אבוה"ק זי"ע [ד].

## סוג הבגד העליון

**יא.** במשך כל היום היה לבוש בבגד עליון (בעקיטש"ע). בשלשת התפילות לבש 'בעקיטשע' של משי שחורה [עם סאמעט על השרוול עשוי ממשי שחור]. ובעת הסעודה (יז) ובעת קבלת קהל, ובתפילות מנחה ומעריב בחוה"מ או ר"ח, לבש 'טיש בעקיטשע', מעשה רוקם של גוונים וציורים שונים.

**יב.** בראש חודש, חנוכה, וביום שהיה סנדק, או כשסידר קידושין, לבש בעקיטש"ע שחור עם סטראקע"ס (יח) מלבד בשבת ויו"ט [ה] שלבש (י) בגדי לבן (יט).

### מעיינות הלוי

**טז)** ענין בגד לבן ראה להלן (הערה יט) ומנהג לבישת אנפלאות לבנות גם בימי החול, כן נהג הסב"ק זי"ע. וכן נהגו צדיקי בית זידיטשוב קאמארנא, ועוד הרבה צדיקים.

**יז)** בגמ' (שבת קיד, א) בגדים שבישל בהם תבשיל אל ימזוג בהם כוס לרבו, ובמשנ"ב (סי' צא ס"ק יא) למד מזה שיש לייחד בגד מיוחד לתפלה ולאכילה.

**יח)** כתב בספר מהרש"מ הכהן (פר' ויצא דף קסט

### עבודת הלוי

**(ט)** יצויין שבכל דבר והנהגה היה עושה במתינות ובחשבון, גם בלבישת בגד היה לו חשבון מתי להתלבש בזה, למשל לבישת בגד לבן בעת התפילה ביום שב"ק, מתחלה לא הסכים ללבשו עד שנת תשל"א. ולענין לבישת גרביים, בשנים הראשונות לבש גרביים שחורות, וכשביקשוהו ללכת גם בימות החול עם גרביים לבנות כמנהג אבותיו הק', דחה זאת ואמר 'ווילאנג איך פאר נאך ארום, קען איך נישט אנטוהן' (כדרכו בימים ההם שנסע בתחילת ימי החורף לעשות את השבת בעיר וויליאמסבורג, ובתחילת ימי הקיץ לעיר בארא פארק), או כשלא ירגיש טעם באוכל אז ילבשנו.

אכן בקיץ שנת תשמ"ז הפסיק מלנסוע בנסיעות הקבועות, ובחנוכה שנת תשמ"ח התחיל ללבוש את הגרביים הלבנות בימות החול.

**(י)** וסיפר שזקינו הסב"ק זי"ע קיבל מגיסו הרה"ק בעל בני שלשים מקאסאן זצ"ל סטראקעס בעקיטשע, והיה רגיל ללבשו בכל יומא דפגרא.

בשבת היה הולך בבגד שכולו בצבע לבן, ובראש השנה ויום הקדוש והושענא רבה לבש סטראקעס לבנים, ובפורים בעת משתה היין לבש הבגד של ימים נוראים.

### בארות הלוי

**[ד]** אף שכל מעשיו של זקיני הק' היו בהצנע לכת, לא נמנע מפני כך מלהתנהג במנהגי הצדיקים, כגון ללבוש בשבת בגדים לבנים, אף כי רק קדושי ארץ נהגו כן, לא נמנע הוא מלהתנהג כן, כיון שכך קיבל מרבותיו הק'.

וכן נהג ללבוש פוזמקאות לבנות גם בימות החול, אשר במדינת הונגריה כמעט לא ראו מנהג זה, אף אצל אדמורי"ם ורבנים. וכאשר זקיני הק' השתתף באסיפת וועד הרבנים שהתקיימה במדינת הונגריה, היה זה חידוש גדול שם שהלך בפוזמקאות לבנות גם בימות החול, והוא לא מנע עצמו מזה, ובעיניו לא היה בזה סתירה למה שהתנהג בכל דרכיו בהצנע לכת, כי היו לו בכל זה ענינים גדולים (פתגמ"ק ח"ב עמ' קג. וראה עוד בשיח"ק ח"ב עמ' עח).

**[ה]** שמעתי מכ"ק אאמו"ר זי"ע, ששמע מאביו זקיני הק' זי"ע, שסיפר בשם

# זהירות מבגד צמר

## יג. הקפיד לא ללבוש בגד הנעשה מצמר כ).

### מעיינות הלוי

(ובדף סז) וז"ל, מלבוש רבותינו הק' הסטראקע"ס, ענינה, רמזיה, סודותיה, קרסיה, חלקיה, מקורה קדוש היא מהרה"ק מלובלין, ממעשה שהיה, בעת שהרה"ק מלובלין כיהן ברבנות בעיר לאנצהוט [וההצלחה בכל עניני העיר האירה לו פנים עד למאוד].

באחד הלילות בעת אשר ישב בביהמ"ד ועסק בתורה, נגלה אליו לפתע זקן אחד ואמר לו, דע לך כי אני הוא זה שהשי"ת אמר לו 'לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך' (בראשית יב, א), ולכן אני גם אומר לך, לך לך מהעיר לאנצוט אל המקום אשר אראך. מיד קם ויעש כאשר נצטוה והחל לנדוד אחריו ממקום למקום עד אשר חנה בלובלין, ושם אכן קבע מושבו, והיו אומרים החסידים שראה את אברהם אבינו ע"ה באותו לבוש של שבת קאפטן עם סטראקעס.

בנין מלבוש בגד הסטראקעס היא מהוי"ה קרסים הנקראים העקאלעך, י-ה קרסים בארכה לסגירת הבגד, ו' קרסים הסוגרים את סוף השרוול ביד ימין, וביד שמאל ה' קרסים, ב' פסין סאמעט'ן לאורך הבגד המרומזין לרצועות התפילין, כשמצד ימין יורד הוא עד סוף הבגד, ומצד שמאל הוא מסתיים באמצע. וכריכה של סאמעט נוסף בסוף השרוול הרומז לכריכת התפילין. וכריכה נוספת אצל הצוואר במקום השתלשלות הרצועות של תפילין של ראש. מלבוש קודש זה הלכו אחר כך רבים מתלמידיו הק', וידוע שנכדי הרה"ק מראפשיץ הקפידו מאוד לבוש זה, ע"כ. הובא בספר לקחי מהרצ"א (עמ' קיח).

**יט)** ענינו נרמז בפסוק (קהלת ט, ח) 'בכל עת יהיו בגדיך לבנים'. ובגמ' (קידושין עב, א) אמרו, ת"ח שבבבל דומים למלאכי השרת, פירש רש"י (ד"ה דומים), לבושים לבנים ועטופים כמלאכי השרת. ובגמ' (נדרים כ, ב) אמרו, מאן מלאכי השרת רבנן, ובראא"ש (שם) כתב, משום דמצויינין כמלאכי השרת במלבושים נאים.

וכתב מהר"ם חגיז בספרו אלה המצות (מצוה תקמג) וז"ל, לפי שהמלבושים החיצוניים צריכין להיות מתייחסין אל הקנינים הפנימיים שבאדם כו', ומלבושי לבן לחסידים ואנשי מעשה.

**כ)** כתב בספר יסוד יוסף (סוף פרק נ) בשם האריז"ל ששעטנז קשה לקבלת התפלה.

והחיד"א בספר ברכי יוסף (יו"ד סי' רצט אות א) כתב, זה שנים כאן באו ספריא מקרית חוצות לשכון כבוד בארץ, ותרי מינייהו רבנן המתקדשים והמטהרים בהדר"י הדרי"ם, (ומפורסם שהני תרי חסידי כוונתו על הרה"ק רבי מנחם מענדל מוויטעפסק זי"ע והרה"ק רבי אברהם מקאליסק זי"ע). ועין רואה הני מאני דרבנן מכף רגלם ועד ראשם לבושי משי, ואיבעיא להו לרבנן מה מצוה זו, ומצאה הקפידה, אמרו רבנן בטעמא, כי לדעתם חוטי פשתן על ערבי"ם בכל בגדי צמר שבעולם והוה כלאים, דין גרמא דשויא אנפשייהו לכל בגדי צמר מכל מקום כבגדי כלאים אלו דבריהם, ויהי מאז בקרבי כאש בוערת וכו'.

בספר שבחי הבעש"ט מובא על המוכיח מפולנאה שהיה תלמיד בעש"ט שאמר על עצמו, אני אין לובש מלבושי צמר והוציא לו בגדי משי ולבש. ובספר אמרי פנחס (שער סדר היום אות י) איתא וז"ל, בענין ספק שעטנז מוהר"ר רפאל ז"ל ומה"ר בנימין זאב הלוי היו מדקדקים מאוד להתרחק אפילו מנגיעה בבגדי צמר, מחשש עירוב פשתן, אם לא שנטוה ונארג בהשגחת ישראל וכו'. ופעם אחת שאלתי ממנו, מה לעשות כשיושב אצלי אדם בשעת תפלה כשהוא לבוש טלית של דאנציג או וויען ונוגע אלי, ואמר לי צריך לרחק עצמי שלא אגע בו, עכ"ל.

ובספר נתיב רש"י (ירושלים תרנ"ה, להרה"ג ר' לוי יצחק סמינאוווסקי ז"ל בסוף הספר) הביא בשם רבו הרה"צ רבי הלל מפאריטש ז"ל, שהרה"ק בעל התניא זי"ע פשט מאנשי שלומו בגדי צמר, וכתב שם עוד, בגדי צמר איסור גמור הוא וספק שעטנז.

61והרה"ק בעל הישמח משה זי"ע בשו"ת השיב משה (סי' ז) כתב, שיש קפידא שלא יתפלל לפני התיבה, מי שלבוש בבגדי צמר מחמת חשש כלאים, עד שילבש בבגדים אחרים בעמדו בתפלה, הנה אמת שיש חשש גדול על בגדי צמר אם לא נתערב בו חוט פשתן שהוא מצוי מאוד כנודע, ואשרי להנזהר ואין לובש בגדי צמר. ובמדינות פולין כל מי אשר נגע יראת ה' בלבו אין לובש בגדי צמר, וגם במדינה זו [אונגארן] מעת שבאתי לכאן הרבה הסירו בגדי הצמר מעליהם, ויבוא עליהם ברכה וכו',

והנה בענין העברה לפני התיבה בבגדי צמר, אמת אם יש ח"ו שעטנז בהבגד שלבוש בו, דהיינו שמעורב בו חוט פשתן, אף שהוא לא ידע ממנו מזיק מאד להתפלה, דלמ"ד שהיא לאו דאורייתא יש בו טומאה גדולה בבגדי שעטנז, ודורשי רשומות אמרו שעטנ"ז הוא אותיות שט"ן ע"ז, שכח השטן הוא עז וחזק מאד מתוח על הלובשו, וגם הוא עז, הוא עז דהיינו שעיר כמו שעירים ירקדו שם, ואיך יתכן שיעורר רחמים על הציבור כשהוא לבוש בכח עז של הסט"א וכו', דהעובר לפני התיבה לא יעבור בלבושי צמר מחמת שהוא שלוחם וצריך לעורר רחמי שמים על הציבור, ראוי לחוש טפי.

ובלקוטי מאיר (אות מב) כתב, ראיתי פעם אחד אצל אדמו"ר ההצה"ק מסיגעט זצוקללה"ה שעמד אחד להתפלל לפני העמוד בשב"ק, שהיה לו יא"צ, ואמר לו בלחש כדי שלא יתבייש, שיתפלל עד הודו ולא יותר, מחמת שהולך במכנסיים של צמר, ובבית מדרשו אינו מניח להתפלל לפני העמוד מי שהולך במלבושי צמר.

ובספר הילולא דרבי (אות ח) מנהגי סטרעטין כתב, דרכו בקודש היה ליזהר ולהזהיר מלילך בבגדי צמר, אם דעכשיו מקילין ביותר על ידי היתר, ששם במקום הפאבריקן הפשתן ביוקר יותר מצמר, עם כל זה יש חשש משגה, ע"כ.

[והא דהיקל רבינו בלבישת יארמילקע שעשוי מצמר, י"ל דכיון שכל החשש שמא יתערב פשתן בצמר, שייך רק בבגדים שנארגו מהרבה חתיכות שיתכן חילופים ועירוב חוטים, ובפרט כשנעשו בבית חרושת שהרבה ידים עוברים על זה. אבל היארמילקעס שנארגת ע"י אשה כשרה שעוסקת בזה ומקצה שיעור צמר שממנה ממשיכה לטוות שורה על שורה מהחל עד גמירא, והכל כחתיכת מקשה אחת, שלא שייך בזה שום התערבות מעוד מינים.

שוב שמעתי שהצמר שמשתמשים ליארמולקעס אינו מצמר רחלים, אלא מצמר גפן, ואם נכון הדברים אז קושיא מעיקרא ליתא].

### בארות הלוי

רבו הרה"ק רבינו מהרא"צ מקאמארנא זי"ע, כי הר"ר יצחק מדראהביטש רצה לתקן שכל היהודים ילבשו בשבת קודש בגדים לבנים "ווייסע זייטשעס", וכשהתחיל בנסיעותיו לעיירות לעורר יהודים לענין זה, ראה השטן כי על ידי זה יבוא הגאולה השלימה, על כן אמר לר' איציק'ל 'אם לא תחזור מדרכך זה, אעשה את כל העולם לחסידים [ור"ל, שכשהוא יעשה אותם לחסידים יהיו חסידים מצד הסטרא אחרא], אמר לו הר"ר איציקל להס"מ, אם כן אני חוזר בי, ואיני נוסע עוד בשביל זה רק כדי לקבץ מעות, והוא נסע בדרכו הלאה בדעתו לתקן מה שרצה בענין המלבושים, אולם בסוף לא איסתייעא מילתא וכו' שכיון שראה השטן שהר"ר יצחק מתרץ עצמו לפניו, ומבטיחו לחדול מהתעסק מענין המלבושים, ראה שמתחשב עם טענותיו, על כן לא עכבו יותר מלכת בדרכו (שיח"ק ח"א שסז).

ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ד'טאהש - נ.י.:

## בחורים שטעלן זיך צום פארהער אויף גאנצע פרקים בחינה בכתב, בשעת אומגלויבליכע פייערדיגע קול תורה הילעכט אפ בהיכל הישיבה

די וועגט אין ישיבה זענען אנגעזאפט פון דעם הילעכדיגן קול תורה וועלכער קלינגט אפ אויף ווייט, ווען די בחורים חזר'ן איבער און שטעלן זיך צו די בחינה בכתב גאנצע פרקים פון מסכת גיטין, מיטן ציל צו פארענדיגן די חזרה און בחינה אויף גאנץ מסכת גיטין וואס מ'האט זוכה געווען צו לערנען און דורכצואקערן הדק היטב היי יאהר תשפ"ו.

שיעור א' האט ביי שיעור אשמורת און שיעור עיון געענדיגט די פרקים המגרש און שולח, און מ'חזר'ט עס איבער אצינד זיך צו שטעלן צום פארהער בע"ה.

ביי שיעור פשוט האט מען געענדיגט איבער'חזר'ן גאנץ פרק מי שאחזו, און דער חשובער מנהל שליט"א האט גרינטלעך פארהערט די בחורים, וועלכע האבן ב"ה גאר גוט געקענט, ס'האט זיך דערקענט די שטארקע התמדה און הארעוואניע.

ביי שיעור ב' האבן די בחורים די וואך געענדיגט לערנען פרק השולח, און אצינד חזר'ן זיי עס איבער, עס געהעריג קונה זיין און זיך שטעלן צום פארהער בע"ה.

דער חשובער מנהל שליט"א האט גרינטלעך פארהערט די בחורים די שיעור פשוט גאנץ פרק מי שאחזו, און מ'האט ב"ה גאר גוט געקענט, ס'איז געווען קענטבאר די שטארקע יגיעת והתמדת התורה.

שיעור ג' ענדיגט מען לערנען די פרקים המגרש און השולח. און ביי שיעור פשוט האט מען געענדיגט פרק מי שאחזו און מ'האט געענטפערט די בחינה בכתב דערויף מיט א שטארקע הצלחה בס"ד.

ווי אויך האט מען ספעציעל מקדיש געווען דעם סדר שיעור עיון וסדר הלכה פון זונטאג און סדר אשמורת פון מאנטאג איבערצו'חזר'ן די גאנצע מסכת אויף א ספעציעלן סדר, און דערנאך ענטפערן די בחורים אויף די בחינות בכתב יעדע פרק באזונדער.

הזורעים בדמעה ברנה יקצורו.

*

סדרי שיעורי הלכה בישיבה:

## הגאון דומ"ץ ק"י שליט"א האט פארהערט תלמידי שיעור א' הלכות תפלה

דעם היינטיגן דאנערשטאג פר' כי תצא האט הגאון דומ"ץ ק"י ור"מ בישיבה גדולה שליט"א פארהערט תלמידי שיעור א' גאנץ הלכות תפלה, וואס זיי האבן געלערנט היי יאהר ביים ר"מ הגה"צ אב"ד מאנסי שליט"א, און דער חשובער דיין איז ארויס פון התפעלות פון די שטארקע און קלארע תשובות פון די בחורי הישיבה.

שיעור ב' חזר'ט מען יעצט איבער גאנץ סימן ש"ח שו"ע הרב אויף א ספעציעלע סדר, נאכדעם וואס מ'האט בס"ד געענדיגט לערנען טור ב"י מחבר מג"א טו"ז ושו"ע הרב.

עס איז ערשינען א ספעציעלע קונטרס מיט א תמצית פון יעדע סוגיא, און נאך יעדע סוגיא וואס מ'חזר'ט איבער, פארהערט מען זיך ביים חשובן בוחן שליט"א, און מ'צייכענט זיך עס אינעם קונטרס.

שיעור ג' לערנט יעצט סימן רנ"ז הלכות הטמנה, נאכדעם וואס הרה"ג ר' משה האלצער שליט"א האט זיי שוין פארהערט שיעור ג' הל' שבת סימן רנ"ז.

לידע את המעשה אשר יעשון.


בעמדנו אחרי האי יומא דהילולא רבה
של אבינו רועינו איתן אדונינו
מרן רבינו הקדוש זיעוכי"א
ביום ז"ך אב העעל"ט
עלינו להביע רגשי לבבינו, כאשר זכינו לראות בעינינו, שלהבת אש קודש אש תמיד תוקד בקרבינו,
השראת קדושתינו של מרן רבינו הק' עדיין בוער בתוך לבבות קהל עדתינו,
ובהאי יומא דרבי, נדבות ותרומת הקודש נתרבי, בלב שלם ורחבה, יותר מכפי היכולת איש כמתנת ידו ברוח נדיבה,
להיות נפשו קשורה בנפש צדיק, במידותיו הקדושים להדביק, פודה בפדיון כהלכה, אשרי העם שלו ככה, ה"ה
אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר
אשר הוזילו זהב מכיסם
בסכומים אדירים ונכבדים מיוחדים במינם
אצל מגבית הרבתי משאת נפשו
לטובת מורשת קדשו של בעל ההילולא
מוסדות הק' דקרית טאהש
אשר יסד טיפח וריבץ בדם לבבו הטהור, והם היו חייו ומשאת נפשו כל ימיו עלי אדמות בהילו נרו עלי ראשינו
ונמשכת בגאון ובעוז ע"י בנו וממלא מקומו בקודש כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
להעמיד אלפים תלמידים ותלמידות פרי קודש הילולים זרע ברך ה' על דרכו הסלולה והטהורה
אשריכם שותפים נאמנים! אשריכם תומכים נכבדים!
זכותו הגדול והקדוש יגן עליכם, שפע קודש על ראשיכם, כי הוא חייכם ומליץ בעדיכם!
יה"ר שזכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל, ומה כאן עמד ושימש והשפיע ישועות וברכות לכל קהלא קדישא הדין וכל
ישראל בכל מקומות מושבותיהם, אף שם עומד ומשמש, ז"ך וישר הושיעה נא להיות מליץ טוב בעד כל התומכים והמסייעים
להמשיך מורשתו הטהורה ומשאת נפשו, להתברך בשפע קודש וברכת ה' מעל, ברכה והצלחה וסייעתא דשמיא, בני ברוכי
חיי ארוכי ומזוני רווחי וסייעתא דשמיא בכל העניני, עדי נזכה לראותו עומד לתחיה בבנין ציון וירושלים, בב"א
המברך מעומק הלב
משה יצחק הערשקאוויטש
בשם הנהלת המוסדות
יצחק נחום האמבורגער
שד"ר המוסדות, שלוחו הפרטי של מרן רבינו הק' בעל ההילולא
פרי צדי"ק
עץ חיים
ולקח
משא"ת
נפשו"ת
חכם
ונפשו קשורה בנפשו
משאת נפשו
דעם היילגן רבי'ס ציל איך לעבן:
מוסדות הק' קרית טאהש
להתקשר
לקראת יומא דהילולא קדישא • ז"ך אב


בעזהשי"ת
מזלא טבא וגדיא יאה
ברגשי גיל וחדוה שהשמחה בארמונינו נביע
ברכת מזלא טבא וגדיא יאה, מעומקא דליבא
באותות אהבה וחבה, מיטב ברכותינו המאליפות,
אל כבוד האי גברא רבא ויקירא, עומד בגס
בהרבצת התורה, כשלמה עוטה אורה, אשר נוטע
בנו אהבת תורה ויראת שמים, ועל לבו נושא כל
צרכי התלמידים, מזהב ומפנינים יקרים,
ה"ה הרה"ג
רבי יונה פישער שליט"א
מו"ץ בקריתינו הק'
מגי"ש בישיבתינו הק'
לרגל אירוסי בתו
עב"ג החתן יעקב נ"י
בן הרה"ג ר' פנחס כ"ץ שליט"א
למז"ט ובשעטו"מ
מקידות לבנו, קח נא את ברכותינו, היוצאים
באהבה רבה מקרב נפשינו, ברוב טבון וקשו ט
יכות עוצם מעשיך, ילוו את דרכיך, כל ימי חייך,
לראות דורות ישרים ומבורכים לה' ולתורת ו
לא ימושו ממך ברכה המשולשת בתורה, הבית
יהי' מלא אורה, עדי נזכה לתשועת ה' בקרוב
וכפינו פרושות כלפי שמיא קדם מרן אבוהון די
בשמיא שירווה רוב נחת דקדושה מכל יוצ"ח ויזכה
לגדלם ולחנכם לתורה ולעבודה וליראת שמים ע"ד
ישראל סבא, ועוד רבות בשנים דשנים ורעננים
לדלות לנו מהבאר מים חיים, ע"ד עבוד"ת עבוד"ה
עדי נזכה לקבל פני משיח צדקינו ומלכינו כ"ק מרן
רבינו שליט"א בראשינו בב"א.
המברכים: תלמידי הישיבה
צוות הנהלת הישיבה רמ"י ומגי"ש:
שמעון יחיאל ראטה-מנהל
אלימלך סג"ל לאווען, יעקב סג"ל קרויס, זאב ראזענבוים
חדב"ן, לייב קופטשיק, יצחק נייהויזער, נחמן כהנא חדב"ן,
אלחנן חיים הכהן כ"ץ, מרדכי הערשקאוויטש, יהושע ניימאן,
שניאור זלמן רובינשטיין, לייב קופטשיק (מאירוביץ), אלי
קרויס, יחזקאל הערשקאוויטש,
גא"מ: משה יצחק הערשקאוויטש
סימן טוב
ומזל טוב
יהא לנו
ולכל ישראל




ב
בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה
בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים
הבחור החתן המופלג בתוי"ש
חיים יואל נ"י
עב"ג הכלה החשובה המהוללה
מלכה תחי'
שתתקיים אי"ה למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת
ביום ד' לסדר "ושמחת בכל הטוב" (כי תבוא)
י"ג לחודש אלול שנת תשפ"ו לפ"ק
ולמספרם Aug. 26
קבלת פנים בשעה 6:15 • החופה בשעה 7:00
באולם קרן ויואל משה
55 Forest Rd, Monroe, NY
ידידיכם המצפים לקבל פניכם באהבה ובשמחה
הורי החתן
יהודה בינער ובו"ב
מאנסי יצ"ו
הורי הכלה
יואל גוטמאן ובו"ב
קרית יואל יצ"ו
אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי
שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש
זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.
נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף
ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי
צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל,
ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח
לבנו גם אנו.
המחותנים
ארייננצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
ארייון צום
מערכת
718.451.8674
עקסטענטשן
840

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

שופטים - תשפ"ו לפ"ק

## מיטוואך פר' שופטים

פארמיטאג איז דער רבי ארויס צום ציון הק' פון רבינו הקדוש זי"ע לאמירת כל ספר תהלים, ביום המסוגל ערב ר"ח.

דערנאך איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די אפשערן פון בן מו"ה דוד בראַ"צ הערשקאוויטש הי"ו. דער רבי האט אפגעשוירן די האר, אנגעטון קאפל און ציצית, געבענטשט די קינה, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

כחצות היום איז דער רבי ערשינען בהיכל ביהמ"ד אברכים לתפילת יו"כ קטן און מנחה. בעל תפילה איז געווען מוה"ר משה סג"ל קרויס הי"ו פון קרית יואל.

◆

פאר תפילת מעריב האט דער רבי געצינדן ליכט און צוגעגאנגען צום עמוד, נאכן דאווענען האט דער רבי פארגעלערנט משניות און געזאגט קדיש, צום יארצייט פון זיידן דער דעמעטשער רב זי"ע.

## דאנערשטאג פר' שופטים - אדר"ח אלול

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר אברהם חיים סג"ל קרויס הי"ו פון וומסב"ג, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

◆

פארנאכטס איז דער רבי אריינגעקומען בהיכל ביהמ"ד הגדול צום שלחן הטהור סעודת ראש חודש, וסעודת הילולא פון זקינו הרה"ק רבי מרדכי מ'דעמעטשער זי"ע, וואו עס איז געווען צוגעשטעלט א סעודה רחבה פאר כל הקהל הקדוש.

דער רבי האט געצינדן ליכט, זיך געוואשן צו די סעודה, געטיילט שיריים און געוואונטשן לחיים, מען האט געזינגן פאסיגע חודש אלול ניגונים, און ניגוני הילולא.

במשכ'ן טיש האט מוה"ר אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס הי"ו מנאמני בית רבינו שליט"א מסיים געווען מס' הוריות און סדר נזיקין, דער רבי האט געזאגט קדיש, און דערנאך אנגעוואונטשן דער בעל שמחה ברכת קדשו.

מיט ברכי נפשי האט דער רבי מכבד געווען מחותנו הגה"צ אב"ד ברעזאן שליט"א, דער רבי האט געבענטשט על הכוס, הגבהת הכוס מוה"ר אברהם חיים סג"ל קרויס הי"ו פון וומסב"ג. שיר המעלות הב' יעקב יוסף ב"ר ראובן מנחם שווארץ ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

## עש"ק פר' שופטים - בדר"ח אלול

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר שמואל מאיר מאירוביץ הי"ו, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

## שב"ק פר' שופטים

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד, די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, און די נרות שבת, דערנאך געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה, און געוואונטשן א גוט שבת.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א' גוט שבת'.

◆

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הב' אלימלך ב"ר יודא לייב פישער ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

מיט די זמירות האט דער רבי מכבד געווען: מחותנו הגה"צ אב"ד ברעזאן שליט"א, אב"ד אפטא שליט"א, אב"ד מאגלעניץ שליט"א, הרה"ח ר' שמעי' צבי רייך הי"ו פון קרית יואל, הרה"ח ר' יוסף אשר געלב הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ח ר' אלי' משה ניימאן הי"ו פון וומסב"ג.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און

דערנאך ממשיך געווען מיט דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען אב"ד ברעזאן שליט"א, שיר המעלות הב' שמואל צבי ב"ר חיים לייב געלב ני"ו פון וומסב"ג. שבח נותנים לו מוה"ר יושע פישער הי"ו.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געווונטשן 'א גוט שבת'.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהליםביים עמוד כנהוג. צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מוה"ר אברהם חיים סג"ל קרויס הי"ו פון וומסב"ג, שחרית האט געדאווענט הרב אברהם לייב ראזענבוים הי"ו מנהל חברת תהלים.

פארן ליינען האט דער רבי געמאכט די מי שברך להגה"ק בעל תוספות יו"ט זי"ע, לכבוד די הילולא קדישא. די עליות האבן עולה געווען: כהן הגה"צ רבי יואל יחיאל קאהן שליט"א חדב"ן ומו"צ, לוי אב"ד ברעזאן שליט"א, שלישי אב"ד אפטא שליט"א, רביעי הרה"ח ר' שמעי' צבי רייך הי"ו, חמישי הרה"ח ר' פנחס ארי' גרינוואלד הי"ו לרגל די יארצייט פון אמו ע"ה, ששי אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, שביעי הרה"ח ר' יושע רייך הי"ו פון קרית יואל, הוספות: הרה"ח ר' שלום מיכל ארגעל הי"ו, הרה"ח ר' יוסף אשר געלב הי"ו, הרה"ח ר' שלמה אהרן קעלנער הי"ו פון מאנסי, מוה"ר שאול יחזקאל האלפערין הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב. אחרון הב' הבר מצוה בן מוה"ר שמואל נתן סג"ל קרויס ני"ו.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, מפטיר האט עולה געווען הב' הבר מצוה בן הרה"ג ר' יואל ראזענבערגער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע. הגבה הרה"ח ר' אלי' משה ניימאן הי"ו פון וומסב"ג. גלילה מוה"ר יצחק שמואל פויגעל הי"ו משמש דבית מדרשינו קרית יואל.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' פנחס ארי' גרינוואלד הי"ו. פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' רפאל אלכסנדר עקשטיין הי"ו פון ארץ ישראל.

⋄

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הב' אשר ענזיל ב"ר יהוסף אלקנה סג"ל קרויס ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

אז ביום השביעי מוה"ר מרדכי יחזקאל פריעדמאן הי"ו פון שיכון סקווירא. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"צ רבי משה סג"ל שליט"א, שיר המעלות הב' מענדל בער פאלקאוויטש ני"ו פון ניו יארק.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און געזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געווונטשן 'א גוט שבת'.

⋄

שבת נאכמיטאג האט פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול הרה"צ רבי חיים יחזקי' פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען הר"ר ישעי' סג"ל קרויס שליט"א מנהל בת"ת, די עליות האבן עולה געווען כהן הרה"ח ר' חיים ישעי' גראס הי"ו פון וומסב"ג, לוי רבינו שליט"א, שלישי מוה"ר פנחס לוי אונגאר הי"ו פון מאנטריאל, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, גלילה מוה"ר יעקב שלום מאשקאוויטש הי"ו פון קרית יואל.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ח ר' שלמה אהרן קעלנער הי"ו, מוה"ר שמואל מאיר מאירוביץ הי"ו, מוה"ר שמואל נתן סג"ל קרויס הי"ו, מוה"ר הערשל פאללאק הי"ו פון ניו יארק.

שיר המעלות הב' יקותיאל יודא פישער ני"ו. ברהמ"ז על הכוס און צו מעריב איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' פנחס ארי' גרינוואלד הי"ו.

דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה הב' ישעי' ארי' לייב ב"ר זיידא ישראל חיים הערשקאוויטש ני"ו תלמיד ישיבה גדולה, די הבדלה האט געהאלטן הב' שלום ב"ר אברהם חיים סג"ל קרויס ני"ו פון וומסב"ג.

דערנאך האט דער רבי מכבד געווען צו פארציילן סיפורי צדיקים אב"ד ברעזאן שליט"א און אב"ד אפטא שליט"א.

דערנאך האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

צווישן אנדערע זענען אריין אל הקודש פנימה הגה"צ אב"ד ברעזאן שליט"א, וואו עס איז פארפירט געווארן א שיינע שמועס בסיפורי צדיקים, דערנאך האט דער רבי ארויסבאגלייט ביזן גאס. אזוי אויך איז אריין אל הקודש פנימה הגה"צ אב"ד אפטא שליט"א און עס איז פארפירט געווארן א שיינע שמועס, דערנאך האט דער רבי ארויסבאגלייט ביזן גאס.

## זונטאג פר' תצא

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר שמואל נתן סג"ל קרויס הי"ו, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.




בעזהשי"ת

# סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת כי תבא =

| | ז' עמודים - מסכת מנחות | | ה' עמודים - מסכת סנהדרין | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק כי תצא | דף כז. | דף כג: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף כז: | דף כד. | דף מ. | דף לו: |
| מאנטאג | דף כח. | דף כד: | דף מ: | דף לז. |
| דינסטאג | דף כח: | דף כה. | דף מא. | דף לז: |
| מיטוואך | דף כט. | דף כה: | דף מא: | דף לח. |
| דאנערשטאג | דף כט: | דף כו. | דף מב. | דף לח: |
| עש"ק | דף ל. | דף כו: | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' ששח"ב ר"ה
חבורת ז' עמודים - יז. - ל:
חבורת ה' עמודים - לב: - מב.

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 4-1 פון די מעין מעניו

## פרנס

השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב על ידי
מוה"ר משולם איסר ברה"ל קרויס הי"ו
(מאנסי)

לרגל הולדת נכדו למזל טוב ובשעטו"מ

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד לו ולזרעו להתברך בכל הברכות הכתובה בתורה עד עולם אמן

## קול איחוד טאהש

מקושר פון איבעראל

718.451.TOSH | 514.500.TOSH

718.451.8674 | 514.500.8674
0.333.015.0715 | 079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**


איחוד תלמידי וחסידי טאהש
יו"ל ע"י
**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950


גליון באור החיים | להתאחד בחורי אנ"ש | קול איחוד טאהש | חברה ש"ס | מתאחדת בלעטל | טעלעפאון ביכל | פרנסה ביחד